



אידיש

בסייעתא דשמיא


# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וואכעדיגע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק און גאון
רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.


פרשת תצווה תש"פ • זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות • גליון 149


## אמרות שמשון

### אהרן באקומט די כהונה אנשטאט משה רבינו | דער אויבערשטער שטראפט מדה כנגד מדה | כהנים אין בית המקדש זענען שלוחים פונעם אויבערשטן

**וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת בָּנָיו אִתּוֹ מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ לִי אַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר בְּנֵי אַהֲרֹן (כח, א):** עס ווערט געברענגט אין חז"ל (זבחים דף קב.), ווען דער אויבערשטער האט באפוילן משה רבינו זאל גיין אויסלייזן כלל ישראל פון מצרים, האט זיך משה רבינו פראָבירט ארויס צודרייען פון זיין פליכט צו אויסלייזן כלל ישראל.

זאגן אונז חז"ל: 'וויבאלד משה רבינו האט זיך אָפּגעזאָגט און נישט געוואלט אויסלייזן כלל ישראל פון מצרים, און געזאגט '**שלח נא ביד תשלח**' (שיק דער פאסיגער שליח). האט ער פארלוירן די כהונה, און זיין ברודער אהרן האט דאס באקומען אנשטאט אים'.

שטעלט זיך די פראגע, עס שטייט אין חז"ל (סנהדרין צ.) דער באשעפער באַשטראָפט א מענטש 'מדה כנגד מדה' (מיט די זעלבע זאך וואס מען האט געזינדיגט). דארף מען פארשטיין, מיט וואס איז די עונש פון משה רבינו 'מדה כנגד מדה'? וואס איז די שייכות פון דעם אז ער האט נישט געוואלט גיין אויסלייזן, צו דער עונש אז ער זאל נישט באקומען די כהונה?

עס שטייט אין גמרא (קידושין כג:), '**כהנים שלוחי דרחמנא נינהו**' כהנים וואס זענען מקריב קרבנות און טון די עבודה אין בית המקדש, זענען שלוחים פונעם אויבערשטער.

אזוי ווערט גע'פסק'ענט אין רמב"ם (פ"ו מהלכות נדרים ה"ה), אויב איינער איז מדיר הנאה פון א כהן - ער מאכט א נדר נישט הנאה צו האבן פון א געוויסע כהן. מעג דער כהן מקריב זיין זיינע קרבנות אין בית המקדש, וויבאלד ער טוט דאס בשליחות פון דער אויבערשטער, נישט בשליחות פון דעם מענטש, און ס'ווערט נישט פארערכנט ווי דער מענטש האט הנאה פונעם כהן.

לויט דעם פארשטייט מען פשט פארוואס דער עונש וואס משה רבינו האט באקומען איז מדה כנגד מדה. וויבאלד דער אויבערשטער האט געבעטן משה רבינו צו גיין 'בשליחותו' צו אויסלייזן כלל ישראל, און ער האט זיך אפגעזאגט פון דאס טון, דעריבער האט ער פארלוירן די כהונה וואס איז א שליחות פונעם אויבערשטן צו מקריב זיין קרבנות אינעם בית המקדש.

(פרשתינו אות ג')

### נאמען פון משה רבינו ווערט נישט דערמאַנט אין פרשה | משה רבינו אנטזאגט פון גיין אויסלייזן כלל ישראל | אויב דער אויבערשטער וואלט אויסגעלייזט וואלט געווען די גאולה השלימה | אהרן הכהן באקומט די כהונה אנשטאט משה רבינו

**עס שטייט אין זוהר הק'** (חלק ג' דף רמו.), נאך וואס כלל ישראל האבן געזינדיגט מיטן חטא העגל, האט משה רבינו געבעטן דער באשעפער זאל פאַרגעבן כלל ישראל פאר זייער זינד, און האט צוגעלייגט (שמות לב, לב), **וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ**', (אויב ווילסטו נישט פארגעבן כלל ישראל דאן פארמעק מיר פון דיין ספר - די תורה הק').

דערפאר - זאגט דער הייליגער זוהר - וויבאלד משה רבינו האט געזאגט צום באשעפער די ווערטער '**מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ**', ווערט נישט דערמאנט די נאמען פון משה רבינו אין פרשת תצוה.

דארף מען פארשטיין, פארוואס עפעס האט מען אויסגעקליבן דוקא 'פרשת תצוה' אז דארט זאל נישט דערמאנט ווערן די נאמען פון משה רבינו?

❖❖❖

עס שטייט אין חז"ל (זבחים דף קב.), ווען דער אויבערשטער האט זיך באוויזן צו משה רבינו און אים באפוילן ער זאל גיין אויסלייזן כלל ישראל, האט זיך משה רבינו פראבירט ארויסצודרייען. דעריבער איז די כהונה געגעבן געווארן פאר אהרן און נישט פאר משה רבינו. (עיין בדברינו לעיל).

דארף מען פארשטיין, פארוואס טאקע האט משה רבינו זיך אַנטזאָגט פון גיין אויסלייזן כלל ישראל פון מצרים?

וויבאלד משה רבינו האט געוואוסט, אויב דער אויבערשטער וועט אליינ'ס אויסלייזן כלל ישראל וועלן די אידן קיינמאל נישט פארטריבן ווערן אין גלות, און די גאולה פון מצרים וועט זיין די גאולה השלימה. דעריבער האט זיך משה פאר'עקשנ'ט נישט צו גיין אויסלייזן כלל ישראל, כדי דער אויבערשטער אליינס זאל זיי אויסלייזן.

אבער דער אויבערשטער האט נישט מסכים געווען דערצו, וויבאלד ער האט געוואוסט אז די אידן וועלן זינדיגן, און די איינציגסטע כפרה אויף זייער זינד וועט זיין אז זיי זאלן פארטריבן ווערן אין גלות. אויב וועט דער אויבערשטער יעצט אויסלייזן די אידן פון מצרים וועלן זיי קיינמאל מער נישט קענען גיין אין גלות צו פארצייען זייער זינד און וואלטן חלילה פאַרפאַלן געווארן, (צוליב דעם וואס זיי האבן עבירות און קענען נישט האבן קיין כפרה).

דא אין אונזער פרשה איז דער אויבערשטער געקומען דערמאַנען פאר משה רבינו, איבער די טענה וואס ער האט געהאט ווען ער האט נישט געוואלט גיין אויסלייזן כלל ישראל, און געוואלט אז דער אויבערשטער אליינ'ס זאל אויסלייזן כדי עס זאל זיין די גאולה שלימה.

איז דער אויבערשטער געקומען דערמיט ווייזן פאר משה רבינו. דא זעסטו אז די אידן האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, און דו דארפסט זיך קומען בעטן איך זאל זיי פארגעבן און דו זאגסט די ווערטער '**וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ**' מען זאל מיך אויסמעקן פון די תורה.

❖❖❖

ווען משה רבינו וועט דאס פארשטיין, וועט ער אויך פארשטיין די פרשה אין די וואכעדיגע סדרה (כח, א) **וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת בָּנָיו אִתּוֹ מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ לִי**'. דער אויבערשטער באפעלט משה רבינו זאל שטעלן אהרן מיט זיינע קינדער, זיי זאלן זיין די כהנים.

פארוואס ווערט אהרן הכהן כהן גדול אנשטאט משה רבינו?

דאס איז געקומען צוליב וואס ער האט זיך אַנטזאָגט פון אויסלייזן כלל ישראל, און דער אויבערשטער איז ווירקליך גערעכט געווען מיט די טענה, אז ער זעלבסט קען נישט אויסלייזן כלל ישראל וויבאלד זיי גייען זינדיגן אזוי ווי עס האט טאקע פאסירט גלייך נאך מתן תורה ווען זיי האבן געזינדיגט מיטן חטא העגל.

דעריבער איז משה רבינו נישט גערעכט געווען מיט זיין טענה, און צוליב דעם האט ער פארלוירן די כהונה.

❖❖❖

מיט דעם פארשטייט מען פארוואס די נאמען פון משה רבינו טוט נישט ערשיינען דוקא אין פרשת תצוה.

וויבאלד אין 'פרשת תצוה' ווערט דערמאנט אז אהרן הכהן איז געווארן דער כהן גדול, וואס דאס איז געקומען צוליב דער עונש אויף דעם וואס משה רבינו האט זיך אנטזאגט פון אויסלייזן כלל ישראל, וויבאלד משה רבינו האט געוואלט אז דער אויבערשטער זאל אויסלייזן כלל ישראל.

און משה רבינו איז נישט געווען גערעכט מיט זיין טענה, וויבאלד כלל ישראל האט שפעטער געזינדיגט, און משה רבינו האט געדארפט דאווענען דער אויבערשטער זאל זיין מוחל זיין, און דערביי צוגעלייגט די ווערטער '**וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ**'.

דעריבער ווערט דאס נישט דערמאנט אין די פרשה, וואס אהרן הכהן ווערט כהן, וואס דאס ווייזט אז דער אויבערשטער איז געווען גערעכט אז משה רבינו דארף גיין אויסלייזן כלל ישראל.

(פרשתינו אות ג')


הוצאת הגליון והפצתו להצלחת צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

### המן צווינגט נישט, צו טרינקען ביים סעודת אחשורוש | המן צווינגט זיך צו ביקען צום צלם | מען זאל נישט קענען האבן א 'טענת אונס'

**וְהַשְּׁתִיָּה כַדָּת אֵין אֹנֵס כִּי כֵן יִסַּד הַמֶּלֶךְ עַל כָּל רַב בֵּיתוֹ לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ (א, ח):** חז"ל דרש'ענען פונעם פסוק: **לַעֲשׂוֹת כִּרְצוֹן אִישׁ וָאִישׁ - כרצון המן ומרדכי**. המן האט נישט געוואלט צווינגען די אידן צו טרינקען וויין ביי סעודת אחשורוש אנטקעגן זייער ווילן.

וויבאלד המן האט געוואלט אז די אידן זאלן זיך נישט קענען שפעטער ארויסדרייען פון באקומען א עונש, מיטן אויסרייד אז זיי זענען געווען געצווינגען דאס צו טון. וויבאלד מען וועט זיי זאגן - קיינער האט נישט געצווינגען - ענק האבן דאס געטון מיט ענקער אייגענע ווילן.

לכאורה דארף מען דאס פארשטיין, מיר געפונען שפעטער אין די מגילה (ג, ב), אז 'המן' האט געצווונגען מען זאל זיך צו ביקען פאר אים. און ווי עס שטייט אין מדרש (אסת"ר ז, ה), די כוונה פון המן איז געווען אז די אידן זאלן זיך ביקען צו דער צלם וואס איז געהאנגען אויף אים (און מיט דעם עובר זיין די עבירה פון דינען עבודה זרה).

שטעלט זיך די קשיא, אויב האט ער פארשטאנען (ביי סעודת אחשורוש) אז מיטן צווינגען קען מען נישט באשטראפן כלל ישראל, פארוואס ווען עס איז געקומען זיך צו ביקען האט ער זיי יא געצווינגען?

מען קען דאס ערקלערן בדרך פשט, המן האט געהאלטן וויבאלד זיי האבן געטרינקען וויין ביי סעודת אחשורוש, און עובר געווען אויפן רצון ה', ווען זיי זענען נישט געווען געצווינגן דערצו.

נאָכדעם וועט שוין מער נישט העלפן די טענה אז זיי זענען געווען געצווינגען. דעריבער האט זיך המן ערלויבט צו צווינגען כלל ישראל זיך צו ביקען צו אים און נישט חושש געווען אויף 'טענת אונס'.

(מגילת אסתר אות ג')

### אחשורוש קלערט אז המן וויל אים הרג'ענען | דער וואס אונטערדרוקט אידן ווערט גרויס | אחשורוש האט מורא המן וועט איבערנעמען די מלוכה

**בַּלַּיְלָה הַהוּא נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר לְהָבִיא אֶת סֵפֶר הַזִּכְרֹנוֹת דִּבְרֵי הַיָּמִים וַיִּהְיוּ נִקְרָאִים לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ (ו, א):** עס ווערט געברענגט אין חז"ל (מגילה טו:), **אמרו: שנפלה לו מחשבה בראשו, שאולי המן מטכס עצה להורגו**. עס איז איינגעפאלן א מחשבה אין קאפ פון אחשורוש, אז מעגליך טוט המן וועבן א פלאן אים צו הרג'ענען.

שטעלט זיך די פראגע, פארוואס עפעס זאל אחשורוש טראכטן אזוי? המן איז דאך געווען פון זיינע גוטע פריינד און עצה-געבער'ס?

מען קען דאס פארענטפערן, לויט ווי עס שטייט אין 'גמרא' (גיטין נו:), **כל המיצר לישראל נעשה ראש**. דער וואס טוט אונטערדרוקן כלל ישראל ווערט גרויס און חשוב.

די אורזאך דערפון שטייט אין 'תוספות' (חגיגה יג: ד"ה שלא), דער אויבערשטער טוט דאס כדי מען זאל נישט זאגן אז דער אויבערשטער גיבט איבער כלל ישראל אונטער דאס הענט פון א נידריגע פאלק און נידריגע הערשער, דערפאר מאכט זיי דער אויבערשטער גרויס.

צוליב דעם האט אחשורוש געקלערט, וויבאלד המן וויל אונטערברענגען כלל ישראל, נישט נאר וואס ער וועט ווערן א 'ראש' - ער וועט ווערן אן עושר. וועט ער אויך ווערן א 'מלך' און איבערנעמען די מלוכה און אים הרג'ענען. אזוי וועט ער זיין א ריכטיגע 'ראש' וואס קען ח"ו הרג'ענען און אונטערברענגען כלל ישראל.

דאס האט ארויפגעברענגט די מחשבה פאר אחשורוש אין קאפ, אז דורכדעם וואס המן וויל הרג'ענען כלל ישראל, דאס וועט צוברענגען אז המן זאל ווערן גאר גרויס און אחשורוש אליינ'ס וועט גע'הרג'עט ווערן.

(מגילת אסתר אות ד')

### טעם אויפן מנהג כלל ישראל צו עסן 'הָמן טאַשן' אום פורים

מיר געפונען אין 'זרע שמשון' אויף מגילת אסתר (אות י' - כ"א), א שיינע טעם אויפן מנהג ישראל וועלכע איז פארשפרייט אין אלע שיכטן און קרייזן צו עסן אום יו"ט פורים 'המן טאשן'. דאס איז ווארשיינליך דאס סאַמע ערשטע מקור וואס מען טרעפט איבער דעם מנהג ישראל תורה.

**וזה לשון רבינו** (מגילת אסתר אות י'):

וכנגד עשיית העץ שעשה המן למרדכי, בשביל שנטה אוזן לעצת אשתו, **משום הכי אנו אוכלים מיני מתיקה וקוראים אותם אזנים של המן**, שעיקר הנס בא מחמת עשייתו העץ, שחרה אף המלך עליו, ואמר תלוהו עליו, עכ"ל.

נאך שרייבט רבינו דארט (שם אות כ"א) וזה לשונו:

ודרך צחות, **יש ליתן טעם למה נהגו כל ישראל, לעשות ביום פורים אזנים של המן מתוקים**, דלמה דוקא עושים האזניים, ולא העינים והידים או איזה אבר אחר. ועוד, איך עשו מתיקות באיברי המן הרשע, שהוא כלו מקולל ורע ומר וכו'.

וי"ל שהכתוב אומר (דברים יג, יח) 'שִׁמְעוּ וּתְחִי נַפְשְׁכֶם', ואמרו ז"ל (שמו"ר כז, ט) שהכל תלוי באוזן, מי שמטה אזנו לשמוע דברי תורה ותוכחות, יש לו חיים, 'אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת חַיִּים' וכו' (משלי טו, לא), והנה ישראל עד זמן המן לא רצו לנטות אוזן לקבל עליהם עול תורה, ובימי המן נטו אוזן וקבלו עליהם, והיה זה לטוב להם, **ואם כן, אלו האזנים מתוקים שאנו עושים, אינם אזנים של המן ממש, רק האזנים של ישראל שגרם המן שיטו אזן לתורה, ומנהג של ישראל תורה היא, תורה היא ממש**, עכ"ל.

❖❖❖

(איבערזעצונג): **רבינו** ערקלערט א טעם אינעם מנהג וואס איז איינגעפירט אין כלל ישראל צו עסן זיסע המן טאשן. דאס קומט צו מרמז זיין אויף דעם וואס 'המן' האט צוגענייגט א אויער און 'צוגעהערט' צו די עצה פון זיין פרוי 'זרש'. וואס דאס האט דערצערנט אחשורוש, און פון דארט און ווייטער איז געקומען זיין מפלה.

**נאך** א טעם זאגט רבינו, מען דארף פארשטיין פארוואס מאכט מען דוקא א זכר פון די אויערן און נישט פון די אויגן אדער מויל? אויך דארף מען פארשטיין פארוואס מאכט מען דאס זיס, ווי אזוי קען די אויער פון המן הרשע זיין זיס?

דער תירוץ איז, עס שטייט אין פסוק (דברים יג, יח), **שִׁמְעוּ - וּתְחִי נַפְשְׁכֶם**. און עס שטייט אין חז"ל (שמו"ר כז, ט), **'הכל תלוי באוזן, מי שמטה אזנו לשמוע דברי תורה ותוכחות יש לו חיים'**. דאס גאנצע לעבן פון א מענטש ווענד זיך לויט וואס ער הערט, אויב לייגט ער צו אן אויער צו הערן דברי תורה און מוסר רייד, דאן האט ער א ריכטיגן לעבן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (משלי טו, לא), **אֹזֶן שֹׁמַעַת תּוֹכַחַת 'חַיִּים'**. (דאס אויער וואס הערט מוסר האט לעבן)

ביז די צייטן פון המן הרשע האט כלל ישראל נישט צוגענייגט אן אויער צו הערן און מקבל זיין דער דבר ה', אבער נאכן נס האבן זיי מקבל געווען אויף זיך די עול התורה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (מגילת אסתר ט, כז), **'קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים'**. און דאס האט געברענגט גוט'ס אויף כלל ישראל.

דאס איז פשט אין דער מנהג צו מאכן 'המן טאשן' וואס איז זיס, דאס איז נישט מרמז אויף די אויערן פון המן הרשע ממש, נאר אויף די אויערן פון כלל ישראל וואס צוליב המן הרשע האט דאס צוגעברענגט אז כלל ישראל זאלן צולייגן א אויער און אויסהערן וואס שטייט אין די תורה. דערפאר הייסט דאס 'אזני המן' און מ'עסט דאס זיס.

רבינו פארענדיגט זיינע ווערטער וזה לשונו: **'ומנהג ישראל תורה היא, תורה היא ממש!'**

### מנהג צו זיין וואך גאנץ פורים נאכט

רבינו ברענגט אן אינטערעסאַנטע מנהג צו בלייבן אויף דאס גאנצע נאכט פון פורים, און דאנקן און לויבן דער באשעפער אויף די אלע ניסים און חסדים וואס ער האט געטון מיט אונז:

וזה לשונו (מגילת אסתר אות י'):

ולפי שנדדו שינה מעיניהם בשעת הגזירה, בלילה ההוא נדדו שנת המלך, נדדו עליונים ותחתונים (מגילה טו, ב), **משום הכי אנו יושבים נעורים באלו הלילות בשמחה ובששון**, עכ"ל.

(איבערזעצונג): אלץ א זכר צו דעם וואס כלל ישראל אין די צייט פון המן, זענען געווען וואך א גאנצע נאכט צו דאווענען צום באשעפער ער זאל צושטערן די פלענער פון המן הרשע.

אויך איז דאס א זכר וואס אחשורוש האט נישט געקענט שלאפן. און אלץ זכר וואס עליונים ותחתונים האבן נישט געגרוט צוליב די גזירה וואס האט געשוועבט אויף כלל ישראל.


הופיע




ניתן להשיג בחנויות הספרים בארץ ישראל ובארה"ב ובלונדון
לפרטים ארץ ישראל 05271-66450
ארה"ב 347-496-5657



**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדן צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204 mbpaskesz@gmail.com

זרע שמשון

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**